In Feld — אין פעלד

Rivka Basman Ben-Hayim (1925 Lithuania – 2023 Israel)

Elnt[1] un elnter zaynen mir,
Mameh.

עלנט און עלנטער זײַנען מיר,
מאַמע.

Mir kumen in feld
Un s'veynt undzer trot.

מיר קומען אין פעלד
און ס'וויינט אונדזער טראָט.

A zang[2] nokh a zang,
A shnit[3] nokh a shnit.
Fun garbn[4] heybt oif zikh
An umetik[5] lid,
Vos tzitert mit klangen
Un shimert mit farbn
Fun oygn un hent,
Un plutzem oyf garbn —
A shayter[6], vos brent.

אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג,
אַ שניט נאָך אַ שניט.
פון גאַרבן הייבט אויף זיך
אַן אומעטיק ליד,
וואָס ציטערט מיט קלאַנגען
און שימערט מיט פאַרבן
פון אויגן און הענט,
און פֿלוצעם אויף גאַרבן —
אַ שײַטער, וואָס ברענט.

Knit yeder fun undz bay dem shayter,
Un hert funem flam a gebot[7],
Un Got shteyt in volkn — a vayter,
Un hert, vi mir hern zayn *sod.*

קניט יעדער פון אונדז בײַ דעם שײַטער,
און הערט פונעם פלאַם אַ געבאָט,
און גאָט שטייט אין וואָלקן — אַ ווײַטער,
און הערט, ווי מיר הערן זײַן סוד.

From *Toybn baym Brunem* (1959)

---

1 Elnt – lonely, desolate
2 Zang – stalk, ear (of corn)
3 Shnit – cut, section, harvest, crop
4 Garb – sheaf
5 Umetik – sad, lonesome
6 Shayter – bonfire, pyre
7 Gebot – commandment

Ikh Veys — איך ווייס

כ'וועל ריידן צו דיר דורך אַ משל אַן אַלטן,
פאַר וואָס איז אַ בלימל אין פעלדזן דער שענסטער ?
זײַן בייט איז אַוודאי דער קלענסטער,
די וואָרצלען די דינע פאַרקלאַמערט אין שטיינער
און אויסער זיי – פעלדזן, און קיינער ניט, קיינער.

Kh’vel reydn tzu dir durkh a *moshel*[1] an altn,
Far vos iz a bliml in feldzn[2] der shenster?
Zayn beyt[3] iz *avade* der klenster,
Di vortzlen[4] di dine farklamert in shteyner
Un oyser zey – feldzn, un keyner nit, keyner.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, ווי אַזוי אָט די בלומען
בליִען און גליִען און בענקען און שטומען,
איך ווייס, אַז אויך איך בין אַ צווײַגל מסתּמא
פון יענע די זעלביקע בלוטיקע שטאַמען,
וואָס בליִען בײַ פעלדזן און וואַרטן ווי שטיינער,
און אויסער די פעלדזן – קיינער ניט, קיינער.

Ikh veys nit far vos, vi azoy ot di blumen
Bliyen un gliyen un benken un shtumen,
Ikh veys, az oykh ikh bin a tzvaygl *mistome*[5]
Fun yene di zelbike blutike shtamen,
Vos bliyen bay feldzn un vartn vi shteyner,
Un oyser di feldzn – keyner nit, keyner.

From *Bleter fun Vegn* (1967)

---

[1] Moshel – allegory, metaphor (Hebrew *mashal*)
[2] Feldzn – cliffs, rocks
[3] Beyt – (flower) bed
[4] Vortzl – root; (far)klamern – to brace, cling
[5] Mistome – likely, probably (Hebrew *mistame*)

Mayn Alter Kalendar — מײַן אַלטער קאַלענדאַר

Kh'hob banayt[1] mayn altn kalendar,
Oysgeshtelt[2] oyf s'nay di nemen,
Iz er kleyn gevorn, kleyn un dar[3]
Un vi shver in hant es nemen.

כ׳האָב באַנײַט מײַן אַלטן קאַלענדאַר,
אויסגעשטעלט אויף ס׳נײַ די נעמען,
איז ער קליין געוואָרן, קליין און דאַר
און ווי שווער אין האַנט עס נעמען.

Shteyen nemen *os* nokh *os*
Vi puste[4] nestn,
Bavaksene mit groz,
Fargesn.

שטייען נעמען אות נאָך אות
ווי פּוסטע נעסטן,
באַוואַקסענע מיט גראָז,
פאַרגעסן.

A Tfileh — אַ תּפילה

Ze, di vayse hor baym dikhter,
Di farkramfte finger.
Iz dos *yoysherdik* un rikhtik
Ton azoy dem dikhter?

זע, די ווײַסע האָר בײַם דיכטער,
די פאַרקראַמפטע פינגער.
איז דאָס יושרדיק און ריכטיק
טאָן אַזוי דעם דיכטער ?

Her, vi s'*cholemen* tzu dir
Dem vaysn dikhters strofn.
Ze, vi eynzam s'hit[5] der dikhter
di *nigunim*.
Nit farshtil zayn heyse *shureh* —
Nit farvist zayn brunem.

הער, ווי ס׳חלומען צו דיר
דעם ווײַסן דיכטערס סטראָפן.
זע, ווי איינזאַם ס׳היט דער דיכטער
די ניגונים.
ניט פאַרשטיל זײַן הייסע שורה —
ניט פאַרוויסט זײַן ברונעם.

From *Likhtike Shteyner* (1972)

---

1 Banayen – to renew, refresh (from "nay")
2 Oysgeshtelt – displayed, laid out
3 Dar – slim, thin
4 Pust – empty, hollow
5 Hitn – to guard, protect